## מתוך דברות קודש

# מכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

### בדרשת עשרת ימי תשובה ביום צום גדליה שנת תשע"ב לפ"ק
### בביהמ"ד הגדול דקהל יטב לב דסאטמאר וויליאמסבורג יצ"ו

דאס זעלבע איז בנוגע פריצות אין בגדי נשים, יעדער פארשטייט אז מען וועט נישט גיין אנגעטון בפריצות, אבער אביסל [ערלויבט מען זיך], מען דעקט אויף אביסל דא אביסל דארט, [מ'מיינט] ס'איז נאר א קלייניקייט, חצי שיעור איז אסור מן התורה, און באמת דאס איז נישט קיין חצי שיעור!, דאס איז ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך!, דאס האט נישט קיין שיעור!, דאס אליין איז א גאנצע שיעור!.

איך האב געזען א שיינע מעשה פון הרה"ק ר' דוד מקשאנוב זללה"ה א זון פון היילגן דברי חיים זי"ע, ער איז געווען רב אין קשאנוב ער איז געווען א גרויסער צדיק, האט ער אמאל זייער געווײנט, און ער האט געזאגט, ווען משיח וועט קומען וועט יעדער קומען מקבל פנים זיין דעם מלך המשיח, יעדער וועט גיין שלום געבן פארן מלך המשיח. האט ער געזאגט אז משיח וועט פרעגן די אינגעלייט, ווי אזוי גייט דיין ווייב אנגעטון? - אזוי האט ער געזאגט - **משיח וועט זאגן, דיין ווייב גייט אנגעטון אזוי כדי נאכצומאכן יענע גוי'טע, און דיין ווייב מאכט נאך יענע גוי'טע, משיח וועט פארהאלטן יעדן איינעם**, אזוי האט ער געזאגט.

האב איך מיר דערמאנט דאס ווארט וואס דער פעטער ז"ל פלעגט זאגן (עיין דברי יואל פ' וישלח עמוד קצה) נגילה ונשמחה בישועתיך - ווער ס'האט אים געהערט דאס זאגן, ער האט זייער געווײנט, האט ער געזאגט - ווען מען וועט שוין זוכה זיין צו ביאת המשיח, מען זאל זיך קענען פרייען מיט די ישועה, מען זאל נישט איינזינקען פאר בושה. ער פלעגט דאס זאגן, אז משיח וועט זאגן דו האסט מעכב געווען ביאת הגואל.

ווען דער מלך המשיח וועט קומען, און יעדער וועט זיך שטופן צום מלך המשיח, **דארף מען בעטן דעם אייבערשטן נגילה ונשמחה בישועתיך, מען זאל זיך קענען פרייען, מען זאל נישט איינזינקען פאר בושה ווען דער מלך המשיח וועט פרעגן יעדן איינעם פערזענליך, דיין ווייב גייט ווי יענע גוי'טע, און דיין ווייב גייט ווי יענע גוי'טע, אוי לה לאותה בושה ואוי לה לאותה כלימה.**

שטייט אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם ראשיכם שבטיכם זקניכם ושוטריכם כל איש ישראל, איך האב געהערט פון טאטן ז"ל ער האט פארציילט א מעשה, אין די ערשטע קריג האט דער בעלזער רב ז"ל געפליכטעט פון בעלזא, און ער איז אנגעקומען קיין ראצפערט, ער איז געווען אין ראצפערט און ס'איז געווארן פאר ראש השנה האט מען פארשטאנען אז ס'וועט קומען א עולם אויף יום טוב, און מען האט געדארפט צוגרייטן ווי צו דאווענען, איז געווען א איד וואס האט צוגעגרייט - ער האט געהאט אזא ווערהאוז - א גרויסע געביידע, מען האט אויס געזויבערט דארט, און מען איז געקומען זאגן פארן בעלזער רב אז מען האט איינגערישט א פריוואזארישער ביהמ"ד ווי מען וועט קענען דאווענען, און ס'וועט זיין פלאץ פאר געסט וואס וועלן קומען, האט ער געפרעגט צו ס'איז דא א ווייבער שול, האט מען געזאגט אז מען האט נישט אנגעגרייט א ווייבער שול - מען איז געווען צופרידן אז מען האט געטראפן א מקום ווי מען קען דאווענען - האט ער געזאגט אז אויב ס'איז נישטא קיין ווייבער שול גייט ער נישט אהין דאווענען, האט ער געזאגט, ווען ס'קומען נשים צדקניות אין ביהמ"ד און זיי פארגיסן טרערן ביים דאווענען, זענען זיי מעלה די תפלות פון אידישע קינדער, און אז ס'איז נישטא קיין ווייבער שול וועט נישט זיין די נשים צדקניות וואס וועלן פארגיסן טרערן, וויל ער נישט דארט דאווענען.

איך האב געקלערט אזוי אביסל, דער טאטע ז"ל האט אמאל נאכגעזאגט אויך פון בעלזער רב, **אז ווען נשים שערן זיך אפ די האר, ברענגען זיי א קרבן פארן באשעפער, ווייל ס'איז אזא מין שווערע זאך, א מאן קען דאס נישט פארשטיין. - די זעלבע זאך, אז א אשה גייט צניעות'דיג אנגעטון זומער ווען ס'איז ווארעם, ברענגט זי א קרבן פארן בורא כל עולמים.**

אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם, היום שטייט אין זוה"ק (בא דף לב:) מיינט ראש השנה, אינטערעסאנט דער תפארת שלמה זאגט אז נצבים מיינט מסירות נפש. אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם, מען שטייט פארן באשעפער מיט מסירות נפש, ראשיכם שבטיכם זקניכם ושוטריכם וגו' טפכם נשיכם, אז ס'איז דא נשים וואס גייען מיט בגדי צניעות כשרות, איז דאס א ענין פון מסירות נפש, און מיט דעם שטייט מען די הייליגע טעג, אז ס'איז נישטא קיין ווייבער שול, איז נישטא דער כח פון מסירות נפש, און אז ס'איז נישטא דער כח פון מסירות נפש קען מען זיך נישט שטעלן דאווענען די הייליגע טעג, **כדי ס'זאל נתקבל ווערן די תפלות פארן באשעפער מוז מען האבן די כח פון מסירות נפש, די מסירות נפש פון נשים כשרות וואס גייען אנגעטון ערליך, דאס איז מעלה די תפלות, און מיט דעם שטייט מען די הייליגע טעג.**

דער זיידע ז"ל זאגט אין ייטב פנים (אור המקיף אות יב) אז אויפשטיין פארטאגס לערנען איז א ענין פון מסירות נפש. קומט אויס אזוי, דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט האט ער פאר יעדן איינעם געגעבן זיין חלק, ער האט געגעבן פאר די מענער שול די הייליגע תורה צו לערנען, און זיי דארפן אויפשטיין פארטאגס און לערנען, אז מען שטייט אויף פארטאגס איז דאס דער כח פון מסירות נפש וואס דער אייבערשטער האט מצווה געווען א איד, **נשים זענען פטור פון תלמוד תורה, אבער פאר זיי האט דער אייבערשטער געגעבן צניעות, דער מאן מיט זיין לימוד התורה פארטאגס, און דער אשה מיט איר בגדי צניעות, דאס איז די מסירות נפש וואס דער אייבערשטער פארלאנגט פון א איד.**